**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/8/2023

**גאווערנער האקול מעלדט 16 נאמינירונגען פאר סטעיט און נאציאנעלע רעדזשיסטערס פון היסטארישע ערטער**

***די ערטער טוען רעפרעזענטירן פארשידנארטיגע היסטאריעס, אריינגערעכנט א פארטא ריקאן קאסיטא אין ניו יארק סיטי, א היסטארישע פייער הויז אויף לאנג איילענד, א קעטסקילס זומער קעמפ פאר שווארצע קינדער פון הארלעם, א לעיק טשעמפיאן היים פון א פילם אינדוסטריע פיאנאר, און א נייע היסטארישע דיסטריקט וואס האט די אונזער פירסט לעידי פון וויקטערי בעסיליקע אין לאקוואנע (Our First Lady of Victory Basilica in Lackawanna)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט באורד פון היסטארישע פרעזערווירונג האט רעקומענדירט דאס צולייגן זעכצן פראפערטיס צו די סטעיט און נאציאנאלע רעדזשיסטערס פון היסטארישע ערטער. די נאמינאציעס נעמען אריין א פארטא ריקאן קאסיטא אין ניו יארק סיטי, א היסטארישע פייער הויז אויף לאנג איילענד, א קעטסקילס זומער קעמפ פאר שווארצע קינדער פון הארלעם, א לעיק טשעמפיאן היים פון א פילם אינדוסטריע פיאנאר, און א נייע היסטארישע דיסטריקט וואס האט די אונזער פירסט לעידי פון וויקטערי בעסיליקע אין לאקוואנע (Our First Lady of Victory Basilica in Lackawanna)

"די נאמינאציעס טוען ווייזן די ניו יארקער ווינט פאר טוישונגען, איינגעוואוינען, און געמיינדע געבוישאפט וואס האט עקזיסטירט פאר דורות און טוט אונז ווייטער אינספירירן היינט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס צולייגן די ערטער צו אונזער היסטארישע רעגיסטרירונג טוט אויסברייטערן אונזער פארשטאנד פאר ניו יארק היסטאריע און טוט אונז מוטיגן זיך צו לערנען איבער אונזער קאליירפולע, געמיינזאמע פארגאנגענהייט."

סטעיט און נאציאנעל רעגיסטרירונג ליסטינג קען העלפן אייגנטומער אויפלעבן פראפערטיס, מאכנדיג זיי בארעכטיגט פאר פארשידענע פרעזערווירונג פראגראמען און מאטיוון ווי מעטשן סטעיט פארטיילונגען און פעדעראלע און סטעיט היסטארישע אויפרעכטונג טעקס קרעדיטס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע קאמישינער עריק קולעסיד זאגט,** "מיר זענען אנגעווארעמט איבער דאס פרעזערווירן און ארויסהייבן ניו יארק'ס היסטארישע אונטערלאגע אז מיר זאלן אלע האבן א פארבינדונג צום פארגאנגענהייט וואס העלפט אונז זיך באפעסטיגן אין אונזער פארשטאנד אין וואס דאס מיינט צו זיין א ניו יארקער. מיט יעדע נאמינאציע פאר די סטעיט און נאציאנעלע רעגיסטרירונג, טוען מיר נישט נאר צושטעלן צוטריט צו קוועלער וואס קענען העלפן די ערטער האבן א צוקונפט, נאר מיר טוען אויסברייטערן אונזער רעזערוון פון ערטער ואוס קען אונז העלפן דערציילן א מער ערגענצטע געשיכטע פון די ניו יארק איבערלעבעניש. די סדר פון נאמינירונגען טוט אונטערשטרייכן טייל פון די אומדערציילטע געשיכטעס וואס ניו יארקער ווילן וויסן מער איבער און אונז העלפן דערמאנען אז עס זענען דא אזויפיל געשיכטעס צו פארציילן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונגען און היסטארישע פרעזערווירונגען דעפיוטי קאמישינאר פאר היסטארישע פרעזערווירונג דעניעל מעקי זאגט,** "ביי די דעוויזיע פאר היסטארישע פרעזערווירונג זענען מיר אנטשלאסן צו שטיצן ניו יארק'ס אויסנאמע היסטארישע קוועלער און מיר ארבעטן אויף פארשידענע פראיקעטן דורכאויס די סטעיט, אריינגערעכנט דעזיגנירונגען פאר די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטרירונגען. מיר האבן געזען געלעגנהייטן פאר סטעיט און פעדעראלע שטייער קרעדיטס שטופן לאקאלע פרעזערווירונג פראוואן און טוען מוטיגן אינוועסטירונגען אין געמיינדעס פון יעדע צאל. היסטארישע קוועלער ווערן יעצט אנערקענט אלס קולטוראלע און עקאנאמישע פארמעגנס וואס טוען העלפן פארזיכערן אז זיי ווערן אנגעהאלטן פארן צוקונפט."

ניו יארק סטעיט טוט וויטער פירן די לאנד אין דאס באנוץ פון היסטארישע שטייער קרעדיטס, מיט $4.5 ביליאן אין צאל פון איבערבויאונגס קאסטן פון 2017-2021. זייט 2011, האט די היסטארישע שטייער קרעדיט פראגראם אריינגעברענגט איבער $12 ביליאן אין פראיעקט אויסגאבן אין ניו יארק סטעיט, שאפנדיג באדייטנדע אינוועסטירונג און נייע דזשאבס. לויט א באריכט, צווישן 2017-2021 האבן די קרעדיטס אין ניו יארק סטעיט אריינגעברענגט 69,769 דזשאבס און אריינגעברענגט איבער $1.3 ביליאן אין לאקאלע, סטעיט, און פעדעראלע שטייערן.

די סטעיט און נאציאנעלע רעגיסטרירונג זענען די אפיציעלע ליסטעס פון געביידעס, סרוקטורן, דיסטריקטס, לענדסקעיפס, אביעקטן, און ערטער וואס זענען באדייטנד אין היסטאריע, ארכיטעקטור, ארכעאלאגיע און קולטור פון ניו יארק סטעיט און דאס פאלק. עס זענען פאראהאן מער ווי 120,000 היסטארישע פראפערטיס לענגאויס דעם סטעיט איינגעשריבן אויף דער נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער, אינדיווידיועל אדער אלס שטאנדטיילן פון היסטארישע דיסטריקטן. פראפערטי אייגנטימער, לאקאלע רעגירונגען און ארגאניזאציעס פון קאמיוניטיס איבער די סטעיט האבן אריינגעגעבן די נאמינאציעס.
איינמאל רעקומענדירונגען ווערן באשטעטיגט דורך די קאמישינער, וואס סערווירט אלס סטעיט היסטארישע פרעזערווירונג אפיציר, ווערן די פראפערטיס ארויפגעלייגט אויף די ניו יארק סטעיט רעגיסטרירונג פון היסטארישע ערטער און דערנאך ווערט עס נאמינירט צו די נאציאנאלע רעגיסטרירונג פון היסטארישע ערטער, ווי עס ווערט איבערגעקוקט דורך די נאציאנאלע פארק סערוויס, און איינמאל עס ווערט באשטעטיגט, ווערט עס אריינגעלייגט אין די נאציאנאלע רעגיסטרירונג. מער אינפארמאציע, מיט בילדער פון די נאמינירונגען, איז אוועילעבל אויף די אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונגוועבזייטל.

## קאפיטאל ראיאן

**די אלפיין, גרין קאונטי** - אין די קעטסקיל בערג אויף א דארפישע בארג שאסיי אין די קליינע שטעטל העינס פאלס, איז די קווין אנא (Queeb Anne) סטיל אויפהאלטונג הויז געבויט געווארן ארום 1905. די געביידע איז א ביישפיל פון א קליינע, פאמיליע געפירטע זומער אויפהאלטונג הויז וואס איז געווארן פארבינדן מיט קעטסקילס טוריזם און איז געווען אן עקענאמישע לעבנס ליניע פאר פילע פארעם משפחות. נישט נאר האט די איינקונפט פון געסט געהאלפן אקעגן סעזאנען פון שוואכע געוואוקס, נאר די גרויסע האטעלס אין די געגנט זענען אויך געווען א מארקעט פאר אייער, פוטער, און פלייש. צענדליגע לאקאלע פאמיליעס האבן אויסגעברייטערט זייער פארעם הייזער פאר געסט הייזער בשעת אנדערע האבן געבויט נייע. כאטש עס איז אריגינעל געבויט געווארן אלס א קליינע גאסט הויז, האט זיך די אלפיין פארגרעסערט אין מאס מיט פרישע אפטיילונגען און א גאמברעל דאך, צוויי זאכן וואס זענען אפט צוגעלייגט געווארן צו קענען אריינעמען מער געסט. איינמאל עס האט געקענט אויפהאלטן ביז פינף און דרייסיג געסט איז די אלפיין געווען צווישן די לעצטע געסט הייזער וואס האבן פונקציאנירט אין העינס

פאלס (דורכאויס 1963) און איז יעצט איינס פון א קליינע צאל איבערלעבנדע געסט הייזער וואס זענען געווארן געבויט ביים שפיץ פון די קעטסקיל זומער רעזארט צייט אפשניט.

**קלארק וויטבעק קאו, ווערהאוז, שענעקטעדי קאונטי** - די קלארק וויטבעק קא. ווערהאוז, אין די שטאט פון שענעקטעדי, איז ארכיטעקטיש באדייטפול פאר איר צורה, געמאכט אינגאנצן פון שיעט מעטאל. געבויט אין 1904, איז די געביידע'ס קונסטליכע שיעט מעטאלע אויסצירונג, ארויפגעלייגט אויף א פשוט'ע ווערהאוז, א זעלטענע ראיאנישע ביישפיל פון די סארט פון ארכיטעקטישע אייגנשאפט, וועלכע איז געווארן פאפולער צווישן 1870 און 1930. אוועקגעשטעלט אין 1870, איז קלארק וויטבעק קאו. געווען א גרויסע האולסעיל געצייג פירמע, ספעציעליזירנדיג זיך אין שינעס און מילן ליפערונג, א מארקעט אפטיילונג וואס האט בענעפיטירט מיט נאנטע ביזנעס פארבינדונגען מיט די שענעקטעדי באזירטע אינדיסטריאלע ריז גענעראל עלעקטריק און אמעריקען לאקאמאטיוו קאו. ( General Electric and American Locomotive Co.) (אלקא). די פירמע'ס היסטאריע איז דירעקט פארבינדן צו שענעקטעדי'ס בליץ שנעלע אויפשטייג פון א באשיידענע קאנאל טאון צו אן אינסדוסטריאלע ריז בשעת עס האט געטראפן סוקסעס דורכן צושטעלן אינדוסטריאלע געצייג און בוי מאטעריאל צו שענעקטעדי'ס פארנומענע ביזנעסער און ריטעיל פארקויף צו די שנעל וואקסנדע באפעלקערונג. אין 1960, האט די *דעילי גאזעט* (Daily Gazette) צייטונג אפגעקויפט די ווערהאוז און עס גענוצט אלס א דרוקעריי ביז 1990. אין 2020-2021, איז די געביידע געווארן איבערגעמאכט און איבערגענוצט צו ענטהאלטן דירות און פאבליק אווענט ארט.

**פערוויו מענאר, קאלאמביע קאונטי** - אויך באקאנט אלס די אלאנזא & מערי א. פלעק הויז, פעירוויו מענאר איז א גרויסע, צווי שטאקיגע, ציגל הויז אין קלעווערעק. געבויט אין 1870, טוט די הויז פארקערפערן וואס די הויכע-סטיל ארכיטעקטור וואס איז געווען באליבט דורך די עליטע ניו יארקער אין די האדסאן וואלי, עס איז גאר באדייטפול אין דעם קאנטעקסט פון די האדסאן וואלי פיקטשערעסק ארכיטעקטור און איז קלאר די ארבעט פון א מייסטער ארכיטעקט. כאטש דער ארכיטעקט איז נישט דאקומענטירט געווארן, טוט פעירוויו מענאר מיטטיילן פילע ענליכקייטן מיט די דעזיינס פון אנדערע הייזער פארבינדן מיט קאלווערט וואקס, ווי איר קאמפליצירטע קאנצענטרירונג, פונקטליכע פלאן, און דעטאלירטע, סאפיסטיקירטע ארכיטעקטישע צירונג. וואוקס איז געווען איינע פון די ערשטע ארכיטעקטן אין די פאראייניגטע שטאטן ביז 1870, צוליב זיינע באדייטנדע ארבעט מיט ביידע, ענדריו דזשעקסאן דאונינג און פרעדעריק לאו אלמסטעד, און איז געווען דער ארכיטעקט פאר פרעדעריק טשורטש'ס אלענע, וואס איז געבויט געווארן אין די זעלבע צייט נאר אפאר מייל אוועק פון פעירוויו מענאר. כאטש עס איז געשעדיגט געווארן דורך א פייער אין 1998, טוט די הויז ווייטער ענטהאלטן באדייטנדע מערקמאלן. נעמנדיג אין באטראכט די געצוימטע קוועלער וואס זענען געווען פאר אידענטיפיצירונג און דאקומענטירונג פון וואוקס'ס ארכיטעקטישע רעקארד, טוט די געפינס, אידענטיפיצירונג, און אנאליז פון פעירוויו מענאר - נאך א דאמעסטישע דעזיין מן הסתם דורך וואוקס - אפצייכענען נאך א גרויסע ביישטייערונג צו די געלערנטשאפט פון די איינפלוסליכע אמעריקאנער ארכיטעקט.

__לאנג איילענד__

**סט. דזשעימס פייערהאוז, סאפולק קאונטי** - אריגינעל געבויט אין 1923 און געצייכנט דורך לאורענס סמיט באטלער, די ווערנאקולער ארטס און קרעפטס סטיל וואלונטיר פייערהויז איז אין די דארף פון סט. דזשעימס, אין די טאון פון סמיטהטאון. די סט דזשעימס פייערהויז טוט פאלן צווישן די סט. דזשעימס היסטארישע דיסטריקט (אויף די NR ליסטע, 1973) און די נאמינאציע צילט צו אפדעיטן די רעקארד און אנערקענען די געביידע פאר איר ארכיטעקטישע און היסטארישע באדייט אין די שטעטל. פאר הונדערט יאר האט די געביידע פונקציאנירט אלס פייערהויז און א געמיינדע פארזאמלונגס פלאץ. די פייערהויז'ס אריגינעלע דעזיין און נאכפאלגנדע אויסברייטערונגען טוט דעמאנסטרירן א מערקבארע פארבונדענע ארטס און קרעפטס איינפלוס, מיט אנערקענונג צו ביאקס-ארטס סטיל אין די סטרוקטור'ס באלאנס און

גלייכקייט. אין צוגאב צו די ארכיטעקטור, טוט די פייערהויז רעפרעזענטירן די וויכטיגע ראלע וואס די וואלונטיר פייער דעפארטמענט האט געשפילט אין די געמיינדע, סיי פארן צושטעלן קריטישע פייער באשיצונג און אויסהייבן מיטארבעט דורך סאציאלע אקטיוויטעטן און פארוויילונגען. אין צוגאב צו די פייערהויז, טוט די נאמינאציע ארייננעמען די 1972 קאלאניעל ריוויוועל סטיל גאראדזש וואס ווערט גענוצט פאר סטארעדזש און אפיסעס.

**<u>מיטל-הודסאן</u>**

**אלל סאולס טשורטש זומער קעמפ היסטארישע דיסטריקט, סוליוואן קאונטי -** פלאצירט אין די טאון פון ליבערטי און די דרום קעטסקיל בערג, אלל סאולס טשורטש זומער קעמפ איז געווארן אוועקגעשטעלט אין 1954 צו צושטעלן זומער קעמפ ערפארונג פאר שווארצע קינדער אין הארלעם וואס זענען געווארן אויסגעשלאסן אדער האבן נישט געקענט ערלויבן זומער קעמפ אפציעס וואס זענען געווען אוועילעבל פאר קינדער וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי. אנגעפירט דורך די אלל סאולס פירערשאפט און געשטיצט און אויפגעהאלטן דורך די יארן דורך נדבנים און די קאנגרעגעישן האט די קעמפ געהאט פילע אייגנשאפטן וואס איז געפונען געווארן און אנדערע זומער קעמפס פון יענע צייט - עס איז געווען רעלאטיוו נאנט צו די ניו יארק סיטי און שטאטישע געגנט, איז געווען אין א בערגיגע, נאטורליכע איינריכטונג, און האט צוגעשטעלט די געלעגנהייט צו הנאה האבן פון די דרויסנדיגע גאס. אריגינעל א פארעם און שפעטער און דארפישע טוריסטן רעזארט איז די קעמפ קאמפלעקס א גוטע ביישפיל פון די אנטוויקלונג פון פראפערטיס אין די טייל פון ניו יארק סטעיט וואס איז געוואקסן און אנטוויקלט געווארן צו נאכקומען די געברויכן פון די שטאטישע וואקאציאנארן. אלס א זומער קעמפ פאר קינדער האט די פלאץ אדאפטירט און צוגעלייגט איינריכטונגען צו קענען פונקציאנירן, ווי אן עס צימער, האנטווערק געביידע, ביבליאטעק, באנקס, רייניגונגס איינריכטונגען, זאמלונג און שפיל פלעצער, א טייך, א שווים באסיין, און, אלס א ריליגיעזע קעמפ, א טשאפעל. אלס אן אגאנאזאציע מיט געצוימטע מיטלען, איז אלל סאולס טשורטש'ס געקויף און איינפאסונג פון אן עקזיסטירנדע רעזארט איינריכטונג געווען אן עקאנאמישע באשלוס און עס האט אנגעהאלטן די באשטאנדטיילן פון די פראפערטי'ס לעצטע ציל וואס קענען נאך אלס ווערן געזען היינט.

**וועטבאק אגריקולטורעל וואלי היסטארישע דיסטריקט, דוטשעס קאונטי (NY) און ליטשפיעלד קאונטי (CT)-** די דיסטריקט איז אין די טאון פון אמעניע (NY), מיט א קליינע אפטיילונג אין די טאון פון שאראן (CT). ארייננשליסנדיג א דארפישע געמיינדע פון בערך צוואנציג פארעמס און דריי קליינע דערפלעך - לידסוויל, אמעניע יוניאן, און דרום אמעניע- האט די 3,800-אקער דיסטריקט רעפרעזענטירט די טאל'ס אנטוויקלנדע אגריקולטורע און קולטוראלע היסטאריע זינט די וואוקשטעלונג פון די אמעניע יוניאן סעמעטערי אין 1735. די צייט נעמט אריין אויסגלייכונגען, אגריקולטורע און ארכיטעקטישע אנטוויקלונג פון די געגנט, די שפעט ניינצנטע און אנהייב צוואנציגסטע יאר הונדערט ראמאנטיזירונג פון די דארפישע לאנדשאפט, און די נידערגאנג און אויפבלי פון אגריקולטור דורכאויס די צוואנציגסטע יאר הונדערט. די דיסטריקט טוט פארקערפערן די מוסטערן פון אגריקולטור אין די ראיאן, וועלכע דורכאויס די צייט איז געווען אן אנטוויקלונג פון ווייץ-באזירטע עקזיסטענץ פארמען צו מילכיג באזירטע מארקעט פארמען און דערנאך, די עלעגאנטע סטאק פארעמס וואס האבן זיך ספעציעליזירט אין זאכן ווי פערד,ביימער און נאטורליכע געוואוקסן. די ארכיטעקטור רעפרעזענטירט איבער צוויי הונדער יארן פון באזעצונגען. אין צוגאב, האט די דיסטריקט סערווירט אלס אינספיראציע אין די פארזאמלונגס ארט פאר פאעטן, שרייבער, שרייב קריטיקירער, און נאטורליכע ביים שפיץ פון די "ראמענטיק מאוומענט" (Romantic Movement). אלס א פארשטופטע דארפס געמיינדע, האט וועטבאק וואלי בייגעוואוינט צייטן פון פארשריט, נידערלאגעס, און אויפבלי און איר לעצטיגע אויפבלי איז געווארן אנגעצונדן דורך שטאטישע איינוואוינער וואס זוכן צוגענגליכע און היסטארישע דארפישע אפרוה.

**<u>מאוהאק וואלי</u>**

**בעיטס קריסטשן טשורטש, שאהארי קאונטי** - די בעיטס קריסטשן קירכע, יעצט באקאנט אלס די בעיטס קאנגעגעישענאל קריסטליכע קירכע, איז געבויט געווארן אין 1859 אין די קליינע דארף פון בעיטס. עס איז אן אייגנארטיגע ביישפיל פון די ניינצנע יאר הונדערט דארפישע רעליגיעזע ארכיטעקטור אין שאהארי קאונטי און איז מערקבאר פאר איר זיצונגס הויז און איר פשטות. די קירכע איז געבויט געווארן אין די "גריק ריווייוועל" (Greek Revival) סטיל וואס איז געווען די דאמינירנדע ארכיטעקטור סטיל אין בעיטס און ווי אויך אין די ארומיגע דערפלעך. אלס דער איינציגסטער פארבליבענער קאמיוניטי געביידע אין די האמלעט, איז עס באדייטנד פאר לאקאלע און ראיאנישע היסטאריע.

**קעמפ ווירי, הערקימער קאונטי** - געפינענדיג זיך אין די וועלדער פון ביג מוס לעיק'ס עקא אינזל, טוען די הויפט קעמפ, שיפל הויז, און אייזהויז פון קעמפ ווירי אלע פארקערפערן די טראדיציע פון אדיראנדעק פארצייטישע ארכיטעקטור. געבויט אין 1901 דורך רייכע אסוועגא ביזנעסמאן טעאדאר פעידזש, טוט דער זומער קעמפ אפשפיגלען א סטיל וואס איז כאראקטעריסטיש פון וואקאציע היימען אין ניו יארק'ס אדיראנדעק ראיאן דורכאויס די שפעטע ניינצנטע און פריע צוואנציגסטע יאר הונדערט וועלכע זענען באקאנט געווען אלס "גרויסע קעמפס". קעמפס אזוי ווי דאס זענען געבויט געווארן אלס פארוויילונגס וואקאציעס פאר רייכע שטאטישע אייגנטומער וואס זוכן פריוואטקייט אין פארשטופטע לאקאציעס און זיי זענען געמאכט געווארן זיך אריינצופאסן אין די רויע וואלדיגע אומגעבונג מיט זייערע מאטריאלן און באפוצונגען. קעמפ ווירי איז ארכיטעקטור און היסטאריש באדייטנד אלס א ביישפיל פון אזא סארט סטרוקטור אבער איז אויך א פאסיגע ביישפיל פון פאליסעיד סטיל בוי ארבעט וואס ווערט געזען דורכאויס ביג מוס לעיק. צווישן 1875 און 1905, זענען איבער פופציג געביידעס ביי ביג מוס און טוויטשעל לעיק געבויט געווארן נוצנדיג די לענגלעכיגע האלבע האלץ בוי מעטאד. אנטוויקלט וואו עס זענען נישטא קיין זעגן אינעם געגנט, האבן בויערס געקענט זעגן האלץ אין האלב און זיי לייגן שטייענדיג צו שאפן ווענט - וואס איז געווען מער פראקטיש און פארענדיגט ווי א טראדיציאנאלע האריזאנטל לאג קעבין. כאטש עס זענען פארהאן ביישפילן פון פאליסעיד בוי ארבעט אינעם אדיראנדעק ראיאן, איז ביג מוס לעיק די איינציגע פלאץ וואו עס איז פארהאן א ישוב באשטימט מיט דעם סארט ארכיטעקטור.

<u>**ניו יארק סיטי**</u>

**קאסיטא רינסאן קריאלא, בראנקס קאונטי,** *פיורטא ריקאנער קאסיטאס פון ניו יארק סיטי* - קאסיטא רינסאן קריאלא איז א קליינע קולטור לענדסקעיפ אין די מעלראוז געגענט פון דרום בראנקס. אריגינעל געמאכט געווארן אין 1976 און יעצט אונטער די אייגנטום פון די ניו יארק סיטי פארקס דעפארטמענט, איז עס אריבערגעפירט געווארן אין 2006 און איז אויך באקאנט אלס "לא קאסיטא דע כעמא" נאכן גרינדער און בארימטער מייסטער קאסיטא בויער כאזע מאניועל "כעמא" סאטא (1945-2015) אין איר נייע לאקאציע, איז קאסיטא רינסאן קריאלא איינע פון די סיטי'ס עלטסטע, גרעסטע, און לענגסטע איבערגעלעבטע קאסיטאס. דער פלאץ נעמט אריין א צענטאל-לאקאציע צוויי-צימערדיגע קאסיטא הויז ארומגענומען מיט סינטעטישע טורף, איבער פופצן אונטערגעהויבענע גארטן בעטן, א האלצערנע בימה, א שעד, און א האלב-אריינגעבויטע פאגאן (קיך). פיל פון די פלאנצונגען זענען בכוונה געהאדעוועט געווארן כדי צו ערוועקן די גראז אוןביימער פון פיורטא ריקא. אין צוגאב, ווערט עס באטראכט אלס די צענטער פון טראדיציאנאלע פיורטא ריקאנער מוזיק אין ניו יארק סיטי און איז איינע פון די וויכטיגסטע צענטערן וואו די רענעסאנס פון צוויי טראדיציאנאלע פיורטא ריקאנער מוזיקאלישע דזשאנרעס, *באמבע* און *פלענא*, פאסירן. די קאסיטא איז איינע פון 28 וואס זענען אידענטיפיצירט געווארן אין א לעצטיגע סורווי. די סורוועי און פארבינדענע מולטיפל פראפערטי דאקומענט, וואס דארף ווערן באצאלט דורך א אונטער-פארטרעטענע קאמיוניטי גרנט פון די נאציאנאלע פארק סערוויס, וועט באדייטנד העלפן הייבן די פארטרעטונג פון פלעצער וואס זענען פארבינדן מיט פריורטא ריקאנער היסטאריע אין ניו יארק אאוון די נאציאנאלע רעגיסטער.

**<u>צפון קאנטרי</u>**

**האלבוועגס הויז, סט. לאורענץ קאונטי** - אויך באקאנט אלס די פוס-שטרימפ גאסטאויז, איז די האלבוועגס הויז געבויט געווארן אומגעפער יארע 1807 אינעם שטעטל ליסבאן צו ערמעגליכן דאס שיקן פאסט צווישן קאנטאן און אגדענסבורג. געפינענדיג זיך אויף א וויכטיגע סטעידזשקאוטש וועג, איז עס געווען א וויכטיגע קאמערציאלע און געזעלשאפטליכע צוזאמענטרעף פלאץ פאר סוחרים, רייזנדע, און איינוואוינער און האט געדינט אלס פלאץ פאר קירכעזזז סערוויסעס, פאליטישע צוזאמענטרעפן, געריכטליכע פארהאנדלונגען, טענץ, און נאך. די געביידע'ס ארכיטעקטור שפיגלט אפ פעדעראלע סטיל איינפלוס, א סטיל וואס האט דאמינירט די אמעריקאנער ארכיטעקטורישע לענדסקעיפ פון אומגעפער 1780 ביז 1830, און באקאנט אין סטרוקטורן געמאכט דורך בויער סטילמאן פוט. די אינעווייניגסטע טייל האט שטארקע פעדעראלע פרטים, אריינגערעכנט די אויסשטעל, וועינסקאט, האלץ פאנעלינג, טרים, און באפוצונגען. אן אינטערעסאנטע ארכיטעקטורישע אייגנשאפט איז די האנט-געמאכטע קאנטעד פורלין פאסט פרעימינג מיט א קאנטינועס פלעיט און פאליגאנעל רידזש ביעם, וואס איז אן אומגעווענליכע פרעימינג סיסטעם פאר הייזער אין מזרח און צפון ניוו יארק געבויט אין די צייט אפשניט. די האלבוועגס הויז איז זעלטענע איבערגעלעבטע ביישפיל פון א קאמבינאציע פון א וואוינארט און "פובליק הויז" וואס שפיגלט אפ די אנטוויקלונג פונעם הויז פון פאסט סטאפ ביז גאסטהויז ביז וואוינארט.

**קעסעל פארק גאסטהויז, עסעקס קאונטי** - געפינענדיג זיך אויף די מזרח ברעג פון לעיק טשאמפלעין אין פארט דאגלעס, איז קעסעל פארק גאסטהויז א היסטארישע פראפערטי וואס ווערט פארבינדן מיט פריע צוואנציגסטע יאר הונדערט באוועגונג בילדער פראדוצירער אדאם קעסעל דזשר. וועלכע נעמט אריין א הויפט הויז, וואגן הויז (יעצט פריוואטע וואוינארט), אייז הויז\הינער הויז (יעצט פריוואטע וואוינארט), פאמפ הויז, און א מעטאלענע סיגנאל טורעם. קעסעל האט אפגעקויפט די פראפערטי אין 1912 און האט עס גענוצט אלס זיין הויפט וואוינארט ביז זייט טויט אין 1946. כאטש וואס קעסעל און זיין פאמיליע האבן נישט געוואוינט ביי די קראפטסמאן-באיינפלוסטע קעסעל פארק גאסטהויז א גאנץ יאר, איז ווארשיינליך אז זיי האבן געוואוינט דארט רוב פונעם יאר און ער האט דורכגעפירט ביזנעס פון די פראפערטי. אדאם קעסעל דזשר. איז געווען אקטיוו פארמישט אין פילם פראדוצירונג פון 1909-1920 און זיינע ביישטייערונגען צו די פריע פילם אינדוסטריע אין די פאראייניגטע שטאטן זענען באדייטנד: ער האט אוועקגעשטעלט און זיך אנגעשלאסן מיט פילע פריע סטודיאס, דינענדיג אלס גרינדונג דירעקטאר פון פירמעס אזוי ווי יוניווערסל פיקטשערס (וואס איז געווארן יוניווערסל סטודיאס); צוגעשטעלט פאר טייל פון די פילם'ס גרעסטע פריע שפילערס, אריינגערעכנט טשארלי טשאפלין; פיאנירט פאפולערע קאמעדיע און מערב'דיגע דזשאנרעס; פאראויסגעשטופט פילם טעכנאלאגיע, עדיטינג, און פראדוצירונג; און אנגעהויבן די אנטוויקלונג און פארטיילונג פון גרויסע אינדיווידועלע פילם פאסטערס וואס שפילן ווייטער א וויכטיגע ראלע אין פילם אדווערטייזינג היינט.

**<u>סאוטערן טיער</u>**

**ווילעדזש אוו העמאנדספארט היסטארישע דיסטריקט, סטובען קאונטי** - די ווילעדזש אוו העמאנדספארט היסטארישע דיסטריקט איז א צוזאמגעשטעלטע זאמלונג פון כמעט 450 ארכיטעקטורישע מיטלען פון 1823 ביז 1975, אריינגערעכנט רעזידענשל פראפערטיס וואס שפיגלען אפ וויקטאריען, קווין ענן, קלעסיקל ריווייוועל, און קראפטסמאן סטילן, ווי אויך קיט היימען מיט אמעריקאנער פאורסקוועאר דעזיין. די היסטאריע פונעם ווילעדזש, וואס געפינט זיך אויף קוקא לעיק אין די פינגער לעיקס ראיאן, איז טיף פארבינדן מיט די היסטאריע פון די ערי קאנאל און די היסטארישע וויין אינדוסטריע, ביידע ציענדיג ווארצלען ביז די 1820 יארן. עס איז פארהאן אן אפט געטראפענע טעמע פון וויין און טרויבן בילדער וואס באציען זיך צום געגנט'ס היסטאריע פון וויין פראדוצירונג און שפיגלט אפ די ווילעדזש'ס טוריזם אינדוסטריע, וואס גייט אן ביז היינט. די ווילעדזש איז אויך געווען די פאבריצירונג ארט פאר העמאנדספארט געבוירענער גלען ה. קורטיס'ס איבערארבעטונג און פראדוצירונג פון פלי אפאראטן.

קורטיס ווערט גע'קרעדיט מיטן אנטוויקלען און ערפאלגרייך אויספרובירן דעם ערשטן ים עראפלאן אין 1911. די קורטיס עירקרעפט קארפאראציע האט דורכגעפירט פראבע פלי רייזעס פאר איר עירקרעפט אויף לעיק קוקא פון 1910-1916, און א פלי רייזע שולע איז אויפגעשטעלט געווארן לאקאל צו טרענירן טעסט פילאטן. סיי די ווייַן און פלי רייזע אינדוסטריעס אינעם שטעטל האבן געהאט א ריזיגע איינפלוס אויף ניו יארק'ס עקאנאמיע און האט געמאכט באדייטנדע ביישטייערונגען צו אמעריקאנער קולטיוועישאן, אינדוסטריאלע, און מיליטערישע היסטאריע.

## מערב ניו יארק

**DL&W באן שעד, ערי קאונטי -** די דעלאוועיר, לאקאוואנא, און וועסטערן ( Delaware, Lackawanna, and Western, DL&W) באן שעד איז א לאנגע, שמאלע, רעקטענגל דאבל-דעק טרעין שעד וואס איז געבויט געווארן אין 1917 אלס טייל פון א פיר-געביידע רעילראוד טערמינאל קאמפלעקס וואס געפינט זיך אין א צוזאמגעשטופטע קאמערציאלע דיסטריקט אין דאונטאון באפעלא. דער שעד איז דער איינציגסטער איבערגעבליבענער סטרוקטור פון יענעם קאמפלעקס און איז נישט נאר א זעלטענע ביישפיל פון א לינקאלן-בוש סטיל באן שעד אין ניו יארק סטעיט נאר איז אויך איינע פון די עלטסטע ביישפיל וואס זענען פארבליבן אינעם גאנצן לאנד. פאטענדטעד אין 1905, האט די בוש באן שעד צוגעשטעלט א ביליגערע אלטערנאטיוו צו גרויסע-פארנעם גלאזערנע באן שעדס, מיט א דאך עקסהאוסט סיסטעם וואס איז געמאכט געווארן צו דיסטשארדזש'ן רויך העכער די באנען וועלכע האבן געהאלפן פארלענגערן די לעבן פון די געביידע, פארמינערט די קאסט פון מעינטענענס, און פארבעסערט די לופט קוואליטעט פאר פאסאדזשירן. די דעזיין איז געווען א וויכטיגע אנטוויקלונג אין צוואנציגסטע יאר הונדערט רעילראוד פאסיליטי טעכנאלאגיע און פארטרעט א נייע באנוץ פון ריאינפארסטד צעמענט און שטאל. די DL&W באן שעד איז באשטימט געווארן אלס נאציאנאל רעגיסטער בארעכטיגט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט או די אינטעריאר אין 1982. יעצט, טוט די געביידע אריינגעמען לייט רעיל באנען אויפן ערשטן שטאק פאר די ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט ( Niagara Frontier Transportation Authority, NFTA).

**לעיקוואוד ווילעדזש האל, טשאטאקא קאונטי -** לעיקוואוד ווילעדזש האל, אויך באקאנט אלס די אנטאני ק. קאפרינא מיוניסיפל געביידע, איז א באשיידענע קרעפסטמען-סטיל מיוניסיפל געביידע וואס איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1915. די געביידע איז באדייטנד צוליב איר לאנגע פארבינדונג מיט די אנטוויקלונג און פארברייטערונג פון לעיקוואוד'ס ציווילע און מיוניסיפל סערוויסעס - אריינגערעכנט דינען אלס היים פאר די לעיקוואוד פייער דעפארטמענט פאר אכציג יאר - און איז אויך געווארן א לאקאציע צו האלטן קאמיוניטי זיצונגען און צוזאמענקונפטן. דורכאויס איר איבער הונדערט יאר פון באנוץ, איז די געביידע דורכגעגאנגען איבערבוי ארבעט און פארגרעסערונגען צו אדרעסירן די טוישנדע געברויכן פון די קאמיוניטי. עס שפיגלט אפ דעם שטעטל'ס אנטוויקלונג פון א צייטווייליגע דעסטינאציע פאר וואקאציאנירער צו א פארמאל אוועקגעשטעלט סוב-אורבען ישוב אין די צוואנציגסטע יאר הונדערט. די געביידע פארמאגט יעצט אין זיך רעגירונג אפיסעס, די לעיקוואוד פאליציי דעפארטמענט, און די לעיקוואוד היסטאריע מוזעום.

**אוער לעידי אוו וויקטארי ראמאן קאטאליק קירכע היסטארישע דיסטריקט, ערי קאונטי -** אוער לעידי אוו וויקטארי ראמאן קאטאליק קירכע היסטארישע דיסטריקט (אפט אנגערופן OLV) אין לאקאוואנא איז א גרויסע, היסטאריש פארבינדענע קאמפלעקס פון צוועלף ביישטייערנדע זאכן - רעליגיעזע, עדיוקעישאנעל, אפיס, מעדיצינישע, און אנדערע געביידעס - געבויט אין שטאפלען צווישן 1857 און 1978. די אוער לעידי אוו וויקטארי באסיליקע, וואס פארמירט דעם הויפט פונעם דיסטריקט און ציט טויזנטער באזוכער יערליך, איז א הערליכע, מאסיווע, ביוא ארטס-סטיל קירכע וואס איז אומפארגליכן אין מאס, פארנעם, סטיל און רייכקייט אין מערב ניו יארק. געבויט צווישן 1921 און 1926, איז די געביידע באצירט מיט קונסטליכע באראק-אינספירירטע מאלערייען, סקולפטורן, און קאלירפולע געפארבטע גלאז.

אויפבוי פון די באסיליקע איז אנגעפירט געווארן דורך פאטער נעלסאן ה. בעיקער, וועלכער, נאכן איבערנעמען פאריש פירערשאפט אין 1882, האט איבערגעבויט און פארברייטערט אן עקזיסטירנדע קינדערהיים און אנגעפירט באמיאונגען צו אוועקשטעלן א שפיטאל און עלעמענטערי שולע. באקאנט לאקאל אלס "פאדרע פון די ארימע", איז פאטער בעיקער געווען א גרויסער לאקאלער פיגור אין די געזעלשאפטליכע און רעליגיעזע היסטאריע פון מערב ניו יארק און באקאנט צו קאטוילישע קאמיוניטיס דורכאויס די פאראייניגטע שטאטן. אין 2011 איז ער באשטימט געווארן אלס ווענערעבל דורך פויפסט בענעדיקט XVI, וואס איז דער ערשטער שריט צו סעינטהוד אין די ראמאן קאטאליק קירכע. די אויסוואל פון געביידע פונקציעס און ארכיטעקטורישע סטילן אין OLV היסטארישע דיסטריקט היינט פארטרעט דעם אנטוויקלונג פון א גרויסארטיגע רעליגיעזע אינסטיטוציע אזוי ווי עס האט זיך אדאפטירט מיט די צייט צו נאכקומען די געברויכן פון אירע פארישאנערס און די גאנצע קאמיוניטי.

**וואוד ענד ברוקס קאמפעני פאקטארי קאמפלעקס, ערי קאונטי** - די וואוד ענד ברוקס קאמפעני פאקטארי איז א פיר געביידע קאמפלעקס - וואס נעמט אריין די הויפט פאבריק, אייווארי וואולט, לאמבער סטארעדזש געביידע, און גאראדזש - אינעם שטעטל טאנאוואנדא. די פאבריק'ס לאקאציע האט צוגעשטעלט נאנטע צוטריט צו עלעקטרישע פאווער, רעיל טראנספארטאציע, און ארבעטערס, וואס האבן אלע געגעבן פאר וואוד ענד ברוקס פונקציאנירונג בענעפיטן וואס האבן געפירט צו שנעלע וואוקס. וואוד ענד ברוקס איז געווארן איינע פון די וויכטיגסטע פאבריצירער פון אייווארי פיאנא שטיקלעך אין די פאראייניגטע שטאטן און האט געשפילט א באדייטנדע ראלע דורכאויס די צווייטע וועלט קריג אלס א סובקאנטראקטער פאר מיליטערישע פראדוצירונג פון די לענדינג קרעפט וויהיקל פערסאנעל ( Landing Craft Vehicle Personnel, LCVP). די פאבריק איז אן אומבארירטע פארטרעטונג פון א פאבריצירונג פאסיליטי וואס איז געמאכט און געבויט געווארן אין די ערשטע האלב פון די צוואנציגסטע יאר הונדערט און איז א גוטע ביישפיל פון טוישנדע אינדוסטריאלע ארכיטעקטור און אינדזשענירונג טרענדס. מיט ערשטע קאסטראקשאן אין 1902 און שפעטערדיגע פארברייטערונגען איבער די קומענדיגע זעכציג יאר, פארמאגט די פאבריק א פריע פאסט און ביעם מיל סטיל געביידע, ווי אויך ביישפילן פון ריאינפארסד צעמענט קאנסטראקשאן, וואס האבן ביידע געהאלפן שאפן אן אומגעבונג וואס פאבריצירונג פאסיליטיס דארפן האבן: אייגנשאפטן געמאכט צו פארמיידן און נישט פארשפרייטן פייער, א שטאנדהאפטיגע אפענע פלאן, הויכע שטאפלען טאג-ליכטיגקייט, און נאטורליכע ווענטילאציע. די ריאינפארסד צעמענט צוגעבויטע טיילן צום פאבריק קאמפלעקס זענען געבויט געווארן דורך ה.ק. טורנער פון טורנער קאנסטראקשאן, א פיאניר פון הויך -שטאקיגע צעמענטענע געביידעס און סטרוקטורן אין די צפון מזרח אין די פריע צוואנציגסטע יאר הונדערט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן